ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח'

## פרשת תולדות

שנת תשע"ב

**ויאמר עשו הנה אנכי הולך למות ולמה זה לי בכורה:**

זאגט דער הייליגער **רבי ר' יונתן זי"ע** אז די גמרא זאגט (ברכות ל"ב ע"ב) אז א כהן וואס האט גע'הרג'עט א מענטש זאל נישט דוכנ'ען, און פאר דער משכן איז אויפגעשטעלט געווארן פלעגן די בכורים טון די עבודה, קומט אויס אז א בכור וואס האט גע'הרג'עט א מענטש קען נישט טון די עבודה.

דאס האט עשו געזאגט **הנה אנכי הולך למות** איך גיי דאך הרג'ענען מענטשן, **ולמה זה לי בכורה**, וואס דארף איך די בכורה אז איך בין סייווי פסול פאר די עבודה.

*

**ויזד יעקב נזיד וגו' ויאמר עשו אל יעקב הלעיטני נא וגו' וימכור את בכורתו ליעקב:**

דער כתנות אור פרעגט א קשיא מיר האבן געלערנט אין די גמרא (קידושין מ"ב ע"א) **יתר משתות בטל מקח**, ווי אזוי האט געקענט חל זיין דער קנין אויף די בכורה וואס יעקב האט אפגעקויפט פון עשו, בשעת ווען די בכורה איז פיל מער ווערד ווי א שתות לגבי די נזיד עדשים.

נאר דער **הפלאה** ז"ל איז מסביר די משנה אין אבות **הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות, והוי מחשב הפסד מצוות כנגד שכרה.** לכאורה ווי קען מען רעכענען הפסד מצוה כנגד שכרה אויב מען ווייסט נישט וויפיל דער שכר מצוה איז ווערד?

זאגט ער דעם הסבר לויט דעם וואס די גמרא זאגט אין מס' חולין (דף פ"ז ע"א) מעשה באחד ששחט, א איד האט גע'שחט'ן א קרבן, וקדם חבירו וכסה את הדם, איז זיין חבר געקומען און ער האט צוגעדעקט דאס בלוט, ד.ה. ער האט אים אוועקגעכאפט די מצוה, האט איהם רבן גמליאל מחייב געווען אז ער זאל באצאלן צעהן זהובים פארן חבר. לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס ער האט אים מחייב געווען פונקט צעהן זהובים?

זאגט דער **הפלאה** אז ר"ג האט סתם געזאגט דעם סכום ווייל ער האט געוואלט פרובירן דעם בעה"ב פונעם קרבן וויפיל די מצוה איז ווערד אין זיינע אויגן, ווייל אויב איז ער צופרידן געווען מיטן נעמען די 10 זהובים איז געדרינגען אז די מצוה איז נישט מער ווערד אין זיינע אויגן. ווייל וואלט ער נישט צופרידן געווען מיט דעם סכום וואלט ווען ר"ג געהייסן דעם צווייטן באצאלן וויפיל יענער וואלט ווען געשאצט די מצוה.

דאס איז דער פשט אין די משנה "**והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה שאין אתה יודע מתן שכרן של מצוות**" אויב אזוי ווי אזוי וועט מען וויסן וואס דער שכר פון א מענטש איז אויף די וועלט? אויף דעם ענטפערט דער תנא "**והוי מחשב הפסד מצוה כנגד שכרה ושכר עבירה כנגד הפסדה**" יעדער מענטש לויט ווי ער אליינס טוט באשליסן און מחשיב זיין דעם שכר מצוה לויט דעם וועט ער באקומען דעם שכר. און מהאי טעמא טאקע אויב א מענטש טוט א מצוה שלא ע"מ לקבל פרס, נאר צוליב אהבת הבורא, איז זיין שכר זייער גרויס אז עס האט נישט קיין ערך.

דאס איז דער הסבר ביי די בכורה, ביי עשו שטייט **ויבז עשו את הבכורה**, ער האט דאס בכלל נישט מחשיב געווען, און דער נזיד עדשים איז געווען זייער א גוטער טויש ביי אים מיט די בכורה, ממילא הייסט דאס בכלל נישט קיין אונאה, ווייל איך רעכן דאס לויט זיין שאץ.

*

**ויתן לך האלקים מטל השמים:**

עס שטייט אין **ילקוט שמעוני** (רמז ק"י) אז יעקב און עשו האבן זיך געקריגט **בנחלת ב' עולמות**, און צום סוף האבן זיי זיך צוטיילט, **יעקב** האט גענומען **עולם הבא** און **עשו** האט גענומען **עולם הזה**. איז ידוע די קשיא לכאורה לויט דעם טארן אידן נישט נהנה זיין פון די וועלט, ווייל דאס איז דאך **גזל מחלקו של עשו**?

איז **דער רבי מרן בעל דברי יואל זללה"ה** מחדש אז עשו האט נאר באקומען פון די וועלט די זאכן וואס זענען בדרך הטבע, משא"כ די אלע זאכן וואס קומען נישט נאטורליך, נאר זיי ווערן נתוסף דורך א ספעציעלע ברכה פונעם רבש"ע האט עשו נישט קיין שום חלק דערין, און דאס הייסט ווי א נייע בריאה.

מיט דעם טייטשט דער רבי וואס יצחק האט געבענטשט יעקב **ויתן לך האלקים מטל השמים**, און חז"ל דרש'ענען **יתן ויחזור ויתן**, אז דער רבש"ע זאל געבן זיין מתנה מן השמים ויחזור ויתן און ער זאל כסדר פארמערן זיין מתנה מן השמים, ווייל וואס עס ווערט פארמערט דורך א מתנת שמים האט עשו נישט קיין חלק דערין, און דאס איז טאקע נאר פאר אידישע קינדער.

### הקול קול יעקב

**הקול קול יעקב והידים ידי עשו**, זאגט דער מדרש בזמן שהקול קול יעקב אין הידים ידי עשו.

איז באקאנט וואס די מפרשים פרעגן אז דער מדרש שטימט נישט מיטן **פסוק**, ווייל בפשטות אין פסוק זעהט אויס אז אפילו ווען עס איז **הקול קול יעקב** איז אין די זעלבע צייט אויך **הידים ידי עשו?**

זאגט דער **ווילנער גאון** זי"ע אז דער רמז געפונט זיך אין דאס ווארט **הקול**, וואס שטייט אין פסוק חסר ו' און עס לייגט זיך **הקל**, **לויט** דעם טייטשט עס **הקל קול יעקב**, אויב וועט ח"ו שוואך ווערן דער קול תורה און קול תפילה פון יעקב אבינו, דעמאלטס **הידים ידי עשו**, אבער ווען עס איז **הקול קול יעקב**, מ'הערט יא א שטארקער קול פון אידישע קינדער, דעמאלטס האט עשו נישט קיין שליטה.

# אוצר הידיעות

## ויעקב איש תם

עס איז באקאנט איינער פון די הייליגע **בעלי תוספות רבינו יעקב ב"ר מאיר** וואס איז אנגערופן געווארן רבינו תם, ע"ש פון דעם פסוק ויעקב איש תם, זייענדיג א גרויסער צדיק תמים, און פון די גרעסטע גאוני הדור.

רבינו תם איז אונז באקאנט פון די תוספות וואס מיר לערנען, און מיר באגעגענען זיך כסדר מיט זיינע הייליגע ווערטער. ער איז געווען א זון פון הצדיקת רחל, די טאכטער פון **רבן של ישראל רבינו שלמה יצחקי, רש"י הקדוש.**

עס איז באקאנט אז מיר (חסידים וואס פירן זיך לויטן אריז"ל) טוען גע'פסל'ט די פרשה, רש"י האט אים געוואלט געבן א פעטשל דערפאר.

יענע רגע איז ארייננעקומען אין צימער רש"י'ס טאכטער, די מאמע פון דאס קינד, האט זי זיך אנגערופן "לאז אפ דאס קינד, ער איז נישט צופרידן פון דיינע תפילין, ווען ער וועט זיין גרויס וועט ער קריגן אויף דיר מיטן סדר פון די תפילין".

דער **סדר הדורות** ברענגט אז **רבינו תם** איז אמאל געזעסן און געלערנט מיט **רבינו אפרים הגדול**, און זיי האבן זיך מפלפל געווען ווי אזוי מ'דארף מאכן דעם קשר פון די תפילין, **רבינו אפרים** האט גע'טענה'עט אז די מצוה פון 'וקשרתם' איז אז מ'זאל יעדן טאג פריש

אן צוויי פאר תפילין, ביים דאווענען טוט מען אן **רש"י תפילין**, וואס אויף דעם מאכט מען געהעריג די צוויי ברכות, און נאכן דאווענען טוט מען אן די **תפילין דרבינו תם** אן א ברכה, דאס איז ווייל ר"ת קריגט אויפן זיידן רש"י אינעם סדר ווי אזוי די פרשיות קומען אויסגעשטעלט אין די תפילין. וואס לויט רש"י איז פריער שמע און נאכדעם והי' אם שמוע, און לויט ר"ת פארקערט.

אין ספר **אלף כתב** ווערט געברענגט אז ווען **רבינו תם** איז געווען א קליין קינד האט אים רש"י געהאלטן אויפן שויס בשעת ווען ער האט געשריבן זיינע תפילין, און ער האט א שטופ געגעבן די טינט און מאכן דעם קשר, און רבינו תם האט גע'טענה'עט אז די מצוה איז נאר אנבינדן אויף די האנט, אבער עס איז נישטא קיין מצוה צו מאכן יעדן טאג א עקסטערע קשר.

ביז **רבינו תם** האט זיך אויפגעשטעלט אויף די פיס און ער האט אויסגערופן "משה רבינו, קום אראפ!", דריי מאל האט ער אזוי געזאגט ביז משה רבינו איז אראפגעקומען, און רבינו תם האט אים געזאגט "איך האלט אז מ'דארף נישט מאכן יעדן טאג דעם קשר אויף די תפילין, און נישט דאס האט דער רבש"ע באפוילן אין די תורה", האט אים משה רבינו געגעבן גערעכט, און ער איז צוריק ארויף אין ישיבה של מעלה.

# אוצר רבותינו

## ויתרוצצו הבנים

איינמאל פרייטאג צונאכטס איז דער **רבי ר' וועלוועלע פון זבאריז זי"ע** אהיימגעגאנגען פון ביהמ"ד, אויפן וועג איז געלעגן א שיכור'ער גוי, און ווען דער צדיק איז אריבערגעגאנגען מיט נאך עטליכע אידן האט דער גוי געשריגן "אידן! איר זאלט וויסן אז איר וועט גיין אין גהנם, און מיר וועלן גיין אין גן עדן".

**רבי וועלוועלע** האט זייער ווי געטון אויף די חוצפה פון דעם שיכור אז ער קען דאס אפילו זאגן, ער האט געהאט אזא עגמת נפש אז ער האט נישט געקענט קידוש מאכן.

שפעטער איז ער געווארן מלא שמחה און דערציילט אז מ'האט אים מגלה געווען פון הימל אז יצחק אבינו האט איינגעטיילט די ב' עולמות צווישן יעקב ועשו האט מען געפרעגט פון הימל ווי אזוי קען עשו האבן עולם הזה ווען ער ווייסט אז אויף יענע וועלט וועט אים זיין ביטער און שלעכט, דאס וועט אים דאך אוועק נעמען די גאנצע הנאת עולם הזה? די זעלבע ביי יעקב אבינו, וואס כאטש ער וועט האבן יסורים אויף די וועלט, אבער וואס פארא ווערט האט דען די יסורים ווען ער ווייסט אז עס ווארט אים אפ א לעכטיגער גן עדן?

האט מען אין הימל גע'פסק'עט אז יעקב וועט אויף די וועלט כסדר זיין צובראכן אז ער וועט נישט האבן יענע וועלט אויך נישט, און עשו וועט שטענדיג זיין פרייליך ווייל ער וועט זיך איינרעדן אז ער האט יענע וועלט אויך, אזוי וועט שטימען די חלוקה.

האט ער יעצט פארשטאנען דעם עומק הדברים וואס דער שיכור האט געשריגן, און מיט שמחה איז ער געגאנגען קידוש מאכן.

# יגעת ומצאת

די וואך וועלן מיר אי"ה ממשיך זיין צו לערנען פארשידענע אינטערעסאנטע ידיעות איבער דברי חכמינו ז"ל:

**ווער האט געמאכט די תוספתא?** (קיצור כללי המשנה דף ס"ד ע"ב) **פארוואס האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס תוספתא?** (כנ"ל) **ווער האט געמאכט די ברייתא?** (כנ"ל) **פארוואס האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס ברייתא?** (כנ"ל) **מיט וואס איז דאס אנדערש ווי תוספתא?** (כנ"ל) **ווער האט געמאכט די תורת כהנים-ספרא?** (כנ"ל) **אויף וואס פארא חלק התורה האט ער דאס מחבר געווען?** (מבוא התלמוד דף מ"ד ע"ב) **פארוואס הייסט דאס תורת כהנים? פארוואס הייסט דאס ספרא? ווי אזוי רופט די גמרא אן די ברייתות פון תו"כ און ספרא** (עי' רשב"ם ב"ב קכ"ד ד"ה ובשאר) **ווער האט געמאכט ספרי?** (קיצור כללי המשנה כנ"ל) **אויף וואס פארא חלק התורה האט ער דאס געמאכט?** (כנ"ל) **פארוואס הייסט דאס ספרי?** (כנ"ל) **ווי אזוי רופט די גמרא אן די ברייתות פון ספרי?** (רשב"ם הנ"ל)

### ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ד')....

**דהמע"ה – דו"ד – דושה"ט – ד"ת – דקיי"ל דשלב"ל – דומ"ץ – דו"ד (ב) – דרז"ל– די"ת**

### תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' חיי שרה

א. המשניות נסדר ע"י רבינו יהודה הנשיא.

ב. והטעם, כי אז נעשו מחלוקת בין החכמים והיה נראה ח"ו כאילו יש ב' תורות, וכן מחמת עול הגליות התחילו לשכוח את דיני התורה, לכן החליט לכתוב התושבע"פ שיהיו מסודרים לפני הלומד.

ג. רבינו הק' קיבץ מהתנאים בדורו כל מה ששמעו הלכות ודיעות מהתנאים מדור הקודם ופסק כפי רוב דיעות.

ד. כל התנאים שאמרו הלכותיהם, זה היה ממה ששמעו מרבותיהם שהיו בזמן הבית.

ה. סתם משנה היינו שרבי רצה לקבוע הלכה כמותו ושלא יכלו לחלוק על תנא דמתניתין לכן סתמו.

ו. סתם משנה היינו רבי מאיר.

ז. הגם שביסוד הדבר קבעו הלכה כהתנאים הראשונים שהיו בזמן הבית, אבל סתם משנה רבי מאיר היינו שרבי בחר בלשון רבי מאיר, דקאמר משמיה דרבי עקיבא שקיבלה מהתנאים הקודמים, בעיקר מחמת הסידור וצחות הלשון.

ח. משנה לשון שונה הלכות, וכן לשון משנה למלך, כי תושב"כ הוא המלך, ותושבע"פ הוא משנה למלך.

ט. תנאים, זה לשון של תנא שלומד, ואמורא זה לשון כמו מתורגמן, שהאמוראים תרגמו דברי התנאים.

י. שמאי והילל נקראים בלי תואר 'רבי' כי גדול מרבן שמו.

יא. כל התנאים שהיו נשיאים נקראים 'רבן', ומי שדרו באר"י נקראים 'רבי', כי היה להם סמיכה מבי"ד. 'רב' היינו לאלו שגרו בבבל. 'גאון' בגי' 60, זה אומר שידע שישים מס' הש"ס.

### תי' על ראשי תיבות

גפ"ת: גמרא פי' תוספות - גמ"ח: גמילות חסדים - גמח"ט: גמר חתימה טובה - גז"ש: גזירה שוה - גיה"נ: גיד הנשה - גאו"צ: גאונים וצדיקים - גאב"ד: גאון אב בית דין - ג"פ: ג' פעמים - ג"כ: גם כן - גימ': גימטריא